בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | נח | ג' חשון | תשע"ב | פסחים: ק"ה:

## באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי עס איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אלעזר רובינפעלד הי"ו פון קרית יואל.

אין די מיטאג שטונדן האט מרן רבינו שליט"א באזוכט די בניני הישיבה גדולה וועלכע זענען אצינד פארענדיגט געווארן מיט די בוי ארבייט צום קומענדיגן זמן , ווי דער רבי שליט"א האט זיך אומגעקוקט איבער די נייע היכלי הישיבה און פאהרלערנען צימערן, און דאן האט דער רבי שליט"א געגעבן ברכת קדשו פאר די געטרייע הנהלת הישיבה.

❧•❧

### מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג שטייען צו הילף צו מוסדות קראלי

נאכפאלגענדיג א שריפה אין די בניני המוסדות פון ת"ת קראלי אין וויליאמסבורג, זענען דערוויל טייל פון די כיתות פון די קראלי ת"ת געבליבן אהן א דאך איבער'ן קאפ ווי צו לערנען, זענען הנהלת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג זיי געקומען צו הילף און אצינד פלאצירט די תלמידים פון די קראלי ת"ת אין די בנין הת"ת ווי זיי קענען אצינד בעזהשי"ת אנגיין מיט זייערע לימודים אומגעשטערט.

❧•❧

### דרשת פתיחת הזמן אין בני ברק

נעכטן אווענט איז פאהרגעקומען א דרשת פתיחת הזמן אין ביהמ"ד הגדול אין שיכון קרית יואל בני ברק ווי עס האט אויפגעטרעטן דער גאסט פון אמעריקא פה מפיק מרגליות הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א מגיד משרים בקהלתינו הק', ווי עס איז זיך צוזאמענגעקומען א ריזיגער ציבור.

❧•❧

*פרישער רינגעלע אינע'ם קייט פון ממלכת סאטמאר:*

### פרייד צום התייסדות פון "כולל דברי יואל ד'סאטמאר" אין בית שמש

אנשי שלומינו תשובי העיר בית שמש בארה"ק האבן מיט פרייד אויפגענומען די בשורה טובה איבער די פרישע רינגעלע אינע'ם גאלדענעם קייט פון ממלכת סאטמאר איבער דער וועלט - אז אצינד צום נייעם זמן איז געעפענט געווארן דער היכל הכולל "כולל דברי יואל ד'סאטמאר" וועלכע'ס איז נקראת געווארן דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א - נשיא הכולל ע"ש דודו מרן רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל.

אריבער 30 חשובע אברכי קהלתינו הק' זענען אנגענומען געווארן אויף דעם זמן הלימודים אינעם היכל הכולל, און אלס ראש הכולל איז נתמנה געווארן

הרה"ג ר' אייזיק פריעדמאן שליט"א בן הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו בארא פארק שליט"א.

דער מנהל הכולל הר"ר שמעון עזרא הכהן סאנדער הי"ו גיט זיך אין די טעג שטארק אוועק אויף די הצלחה פונעם כולל אז מען זאל קענען אנהויבן דעם זמן ביתר שאת וביתר עוז.

***-מחיל אל חיל – כן ירבה וכן יפרוץ-***

꧁•꧂

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**